בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

שבועות
תשע"א



## מיר פרייען זיך מיט די תורה

לכ׳ דעם הייליגן יו"ט פון קבלת התורה האבן אלע קינדערלעך (אויסער פרי נורסערי) די וואך מאנטאג מיטגעלעבט א הערליכע כמו הכנסת ספר תורה. אזויווי די קינדער פון פרי כתה א׳ האבן צוזאמגעשטעלט א הערליכע ספר תורה׳לע מיט בלומען לכ׳ שבועות, האט מען באשלאסן צו מאכן א הכנסת ספר תורה׳לע ווי מיר וועלן זיך לערנען זיך צו פרייען מיט די הייליגע תורה. ומתוך שלא לשמה בא לשמה....

אלע קינדערלעך האבן זיך ארויס געזעצט אויפן גאס אין הויף פון תלמוד תורה. און האבן באקומען אין די האנט א כמו פאקעלע. די מוזיק האט געשפילט שיינע ווארימע ניגונים, דערנאך ווען די תורה׳לעך זענען געקומען צו גיין אונטער די חופה האט די מוזיק גענומען שפילן און מיר זיך גענועמן זונגען ובאו כולם, עליונים ששו און נאך ניגונים וואס מיר האבן געלערנט אין חדר. ווען די חופה איז אנגעקומען נעבן אונז האבן מיר זיך אלע אויפגעשטעלט און זיך גענומען טאנצן ובאו כולם מיט עליונים ששו און געשאקעלט מיט די פאקעלע אהער און אהין.... מיר האבן געטאנצט און זיך געפרייט מיט די הייליגע תורה. דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן קענען שפירן א אמת׳ן טעם אין די הייליגע תורה מיר זאלן אויסוואקסן גרויסע תלמידי חכמים און יראי׳ ד׳. שישו ושמחן בשמחת התורה.



## ארויס געפאלן פאריגע וואך

די קינדערלעך פון פרי כתה א׳ האבן געהאט פאריגע וואך א ספעציעלע סורפרייז. נאכן אפשטופן אונזער לאנג ערווארטעטער טריפ, זענען מיר ענדליך געפארן אויף א טריפ, אבער נישט סתם א טירפ, נאר מיר זענען געפארן העלפן קויפן די שפעפעלעך און ציגעלעך פאר אונזער הערליכע "פארעם". מיר האבן זיך ארויף געזעצט אויף באסעס, אונזער רבי זאגט אונז מיר זאלן ארויס קוקן פון די פענסטער אויף די ווייסע ווען וואס שטייט פארענט, ווייל די באסעס גייען נאכפארן די ווייסע ווען ביז מ׳וועט אנקומען צום פארעם ווי מ׳קויפט די שעפעלעך און ציגעלעך... ענדליך איז מען אנגעקומען, מירווארטן אין די באסעס מיר זעהן ווי מ׳פאקט אן די ווען מיט סחורה... דערנאך זענען מיר צוגעפארן צום דערנעבענדע עירפארט. נאר איידער מיר זענען אראפ פון די באסעס, האט מען ארויף געטראגן אויף די באסעס א קליינע פיצי זיסע בעבי שעפסעלע, אונזער פנים האט געשיינט פאר פרייד צו קענען באגריסן די שעפסעלע. דערנאך זענען מיר אראפ פון די באסעס מיט א שיינע סדר און א דורך געגאנגען די ווייסע ווען. מ׳האט געפענט די טיר, מיר קוקן אריין, מיר זעהן דארט אלע אונזערע חשובע געסט וואס וועלן אונז דערפרייען במשך דעם זוממער. דער ווען איז זיך אוועק געפארן צוריק אין חדר און מיר זענען געבליבן אין די ערפארט, מיר זעהן אסאך קליינע עראפלעי"ן׳ס, דערנאך זענען מיר צוגעפארן צו א פארק צו קענען שפילן אבער אזוי עס איז נישט געווען הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן זענען מיר דעריבער צוריק געפארן אין חדר פריער ווי געפלאנט, מיר האבן געגעסן מיטאג אין לאנט"ש רום, מיין רבי האט געזאגט מיר זאלן זיך פארשטעלן למשל מיר זענען יעצט אין פארק.....



## געארבעט שווער אבער זיך געלוינט

שוין עטליכע וואכן וואס מיר ארבעטן שווער אהער צושטעלן די שיינע זאכן לכ׳ שבועות. מיר פעינטן און קאלערן קלעבן און שניידן (די גרעסערע) די הערליכע קרוינען, ספר תורה׳ס, בארג סיני׳ס. מיר פלאנצן די בלומעלעך. מיר לעבן און אטעמען מיט דעם יו"ט שבועות, און אוודאי טאר מען נישט פארגעסן די הערליכע ניגונים וואס מיין רבי לערנט אונז אויס שוין די לעצטע פאר וואכן. יעצט איז געקומען די צייט אלעס אהיים צו טראגן און ווייזן פאר ענק חשובע עלטערן וואס מיר טוען אין חדר א גאנצען טאג.



## קלייניגקייטן

די וואך האט מען ענדליך געענדיגט איבערמאכן די צוים אין הויף פון תלמוד תורה וואס פירט צו די דערנעבנ׳דע בנין פון די נורסערי קלאסן.

מ׳מאכט יעצט אביער די גאנצע פלאר פון העד־סטארט מיט שיינע הערליכע טיילס וואס וועט שטארק פארשענען דעם בנין אי"ה.

## מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר
דעם חשובער מלמד וואס געט זיך אזוי געטריי אפ מיט די ספעציעלע קינדערלעך

מו"ה **יואל פייערשטיין** שליט"א

צום געבורט פון זיין טאכטער נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט איר מגדל זיין לבעל תורה לחופה ולמעשים טובים
איר זאלט זעהן נחת דקדושה פון איר און אלע אייערע קינדערלעך עמו"ש געזונטערהייט